**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט די פארענדיגונג פון 65-יוניט עפארדעבל און הילפבארע האוזינג דעוועלאפמענט אין איסט באפעלא**

***שולע 75 פראיעקט טוט אפפערן 33 הילפבארע היימען פאר וועטעראנען און מיליטער סערוויסעס-באגרעניצטע אינדיווידואלן מיט געמיינדע סערוויסעס פון וועסטערן ניו יארק וועטעראנען האוזינג קאאליציע***

***דעוועלאפמעט אומפונקציאנירנדע לאנג-ליידיג פאבליק שולע 75 אין איסט באפעלא'ס וויליאם ענסלי געגנט***

***געביידע געווידמעט אלס די טשארלי בוש געביידע צו באערן SPC טשארלס א. בוש, דזשוניאר, וואס איז גע'הרג'עט געווארן אין אפעראציע איראקער פרייהייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון 65-יוניט עפארדעבל און הילפבארע האוזינג דעוועלאפמענט אין איסט באפעלא. די לאנג-ליידיגע שולע 75 איז געווארן איבערמאכט צו אפפערן 47 דירות, אריינגערעכנט 33 מיט הילפבארע סערוויסעס פאר וועטעראנען און מיליטערישע סערוויסעס-באגרעניצטע אינדיווידואלן, און וועט זיין א היים צו די נייע ביזנעס אפיסעס פאר די וועסטערן ניו יארק וועטעראנען האוזינג קאאליציע. אלס טייל פון די פראיעקט, זענען נאך 12 געביידעס געווארן געבויעט דורכאויס די געגענט און שטעלן צו 18 צוגענגליכע יוניטס.

געביידע געווידמעט אלס די טשארלי בוש געביידע צו באערן SPC טשארלס א. בוש, דזשוניאר, וואס איז גע'הרג'עט געווארן דעצעמבער 19, 2003, אין אפעראציע איראקער פרייהייט SPC בוש איז געווען אן עסן סערוויס ספעצאליסט באשטימט צו די 402'טע ציווילע אנגעלעגנהייטן באטאליאן, טאנאוואנדע, נ.י. זיינע איוסצייכענונגען און דעקארירונגען נעמט אריין די בראנז שטערן מעדאל, די פירפל הארט, די ארמיי סערוויס ריבאן, די נאציאנאלע פארטיידיגונג סערוויס מעדאל, און די ארמיי רעזערוו קאמפאנענט עררייכונג מעדאל.

"פאר וועטעראנען טאג די ענדע וואך, זענען מיר שטאלץ צו מעלדן א נייע האוזינג געלעגנהייט און סערוויסעס געמוסטערט פאר די וואס האבן העלדיש סערווירט אונזער פאלק און פארדינען אונזער אנגייענדע שטיצע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "SPC טשארלי בוש האט געמאכט די העכסטע אפפער בשעת'ן באשיצן אונזער לאנד, און דורכן ווידמען די געביידע אין זיין עהרונג, וועט זיין לעגאסי ווייטער לעבן דורך די אומצאליגע וועטעראנען וואס וועלן בענעפיטירן פון איוסגעברייטערטע צוטריט צו קוואליטעט האוזינג און הילפסמיטלען. יעדע ניו יארקער, און ספעציעל אונזערע וועטעראנען, פארדינט זיכערע און גאראנטירטע האוזינג וואס קומט נאך זייערע געברויכן."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האומס און די קאמיוניטי ריניועל געשאפן אדער פרעזערווירט 4,600 עפארדעבל דירות אין באפעלא. די פראיעקט טוט ווייטער טראגן די באמיאונג און ערגענצט די גאווערנער'ס $25 ביליאן פולשטענדיגע הויזונג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק אריינרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען.

די אדאפטיווע איבערבאנוץ פון שולע 75, וואס איז אריגינעל געבויט געווארן אין 1925, פרעזערווירט היסטארישע ארכיטעקטורישע עלעמענטן. די נייע סטרוקטור איז געווארן געבויעט אויף ליידיגע ערטער אויף אויסגעשפרייטע לאקאציעס דורכאויס די געגענט.

אלע 65 דירות זענען עפארדעבל פאר משפחות מיט איינקונפט מיט ווייניגער אדער 60 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם. צוואנציג הויזגעזינדער וועלן באקומען אויפ'ן פלאץ אונטערהאלט סערוויסעס און רענט סובסידיס פינאנצירט דורך דער עמפייער סטעיט אונטערהאלט האוזינג איניציאטיוו און אדמיניסטרירט דורך דער NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף. א צוגאב פון דרייצן הויזגעזינדן וועלן באקומען U.S. האוזינג און שטאטישע דעוועלאפמענט קאנטיום אוו קעיר רענטאל סאבסידיס דורך ערי קאונטי.

די קא-דעוועלאפערס זענען די וועסטערן ניו יארק וועטעראנען' האוזינג קאאליציע און נארסטאר דעוועלאפמענט USA, L.P. WNYVHC איז אויך א סערוויס פראוויידער.

סטעיט פינאנצירונג פאר די $29 מיליאן דעוועלאפמענט נעמט אריין $15.8 מיליאן אין פעדעראלע און סטעיט נידריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און $4.7 מיליאן און סובסידי פון די ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי רעניועל. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג האט געשאנקען פעדעראלע און סטעיט היסטארישע טעקס קרעדיטס וואס ברענגען מער ווי $6.7 מיליאן אין פארמעגנס. די ניו יארק סטעיט ענערגיע און ריסערטש דעוועלאפמענט אויטאריטעט טוט צושטעלן $72,000 דורך איר לאו-רייז נייע קאנסטראקשן פראגראם. די סיטי פון באפעלא האט צוגעשטעלט $850,000 דורך די HOME פראגראם.

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע רעניועל קאמישינאר רוטען וויזנאוסקעס זאגט,** "וועטעראנס דעי איז א צייט אויסצודריקן אונזער דאנקבארקייט פאר די אינדיווידואלן וואס האבן העלדיש סערווירט אונזער פאלק און באנייען אונזער פארפלכטונג צו פארזיכער אז ניו יארק'ס וועטעראנען האבן א באקוועמע, זיכערע, און שיצנדע ארט צו וואוינען. די טשארלי בוש געביידע טוט צושטעלן 33 היימען פאר וועטעראנען און זייערע פאמיליעס מיט צוטריט צו הילף וואס זיי דארפן צו בליען, ווי אויך א נייע היים פאר די WNY וועטעראנען האוזינג קאאליציע צו בעסער סערווירן די געמיינדע. די געגנט-ווייזע רעהאביליטאציע באמיהונג טוט אויך פאראויס שטפן די סטעיט'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין שפאן מער האוזינג געלעגנהייטן און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין איסט באפעלא. קאנגראטולעישנס צו אלע וואס האבן געשפילט א ראלע אין די ווירקונגספאלע דעוועלאפמענט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף יעצטיגע קאמישינאר בארבארא ס. גין זאגט,** "גאווערנער האקול טוט ווייטער נעמען שריט צו העכערן די ליפערונג פון הילפבארע און צוגענגליכע האוזינג אריבער די סטעיט וייל זי פארשטייט ווי קריטיש האוזינג איז פאר די געמיינדעס ווי עס איז לאקירט און פאר די לעבנס פון די וואס זענען אריבערגעגאנגען היימלאזיגקייט. די טשארלי בוש געביידע וועט צושטעלן שטארק-געברויכטע הילפבארע האוזינג פאר וועטעראנען וואס זענען דורכגעגאנגען היימלאזיגקייט, ערמעגליכנדיג זיי צו האבן א זיכערע, צוגענגליכע פלאץ צו וואוינען ווי זיי קענען גרינג באקומען הילף סערוויסעס צו העלפן סטאביליזירן זייערע לעבנס."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דאורין העריס זאגט,** "NYSERDA איז שטאלץ צו שטיצן די איבערדעוועלאפמענט פון די טשארלי בוש געביידע, וואס דעמאנסטרירט וויאזוי פלעצער קענען ווערן אדאפטירט צו צושטעלן פאר ניו יארקער צוטריט אין די לעצטע ענערגיע סטאר איינריכטונגען, און קוואליטעט ארט צושטאנד געצייגן, פענסטער, און אינסולאציע. פראיעקטן ווי די טשארלי בוש וועלן העלפן איינוואוינער פארוואלטן ענערגיע באנוץ מיט נייע, טיכטיגע אייגנשאפטן וואס קענען פירן צו באדייטנדע עלעקטריק ביל שפארונגען, פארבעסערן אינדאר באקוועמליכקייט, און צוגעבן צו א בעסער קוואליטעט פון לעבן פאר מיליטערישע וועטעראנען אין די געמיינדע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמישענער עריק קאלעסיעד האט געזאגט,** "שאפן צוגענגליכע היימען פאר ניו יארקער איז א וויכטיגע אישו דורכאויס די סטעיט. דא אין באפעלא, טוען געמיינדעס אויסנוצן פעדעראלע און סטעיט היסטארישע טעקס קרעדיטס צו איבער-אינוועסטירן אין זייער עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור און טוט זען מערקווירדיגע רעזולטאטן. פאבליק שולע 75 האט סערווירט דורות פון איסט באפעלא איינוואוינער אין יעצט האט עס א נייע תפקיד. מאכן א געוועזענע פארלאזטע געביינדע פאר נייע היימען טוט טראנספארמירן געגנטער און דערמאנט אונז אז מיטארבעט און אינוועסטירונג קען מאכן אלע סארט זאכן מעגליך. מיר זענען צופרידן צו זיין א טייל פון די באמיאונגען."

**פארשטייער ברייען היגינס זאגט,** "אין וועסטערן ניו יארק און ווייטער טוען מיר דורכמאכן א האוזינג קריזיס און וועטעראנען זענען מערסטנס עמפינדליך. אלס א לאנד האבן מיר געמאכט א צוזאג זיך אפצוגעבן די וואס האבן סערווירט און דאס מיינט פארזיכערן אז זיי האבן צוטריט צו קוואליטעט, צוגענגליכע האוזינג. א דאנק די פעדעראלע און סטעיט פאנדינג וועלן מיר קענען ווידער אויפלעבן עקזיסטירנדע געביידעס און צולייגן נייע קאנסטרוקציע אין איסט באפעלא צו צושטעלן וועטעראנען מיט זיכערע און צוגענגליכע פלעצער צו רופן זייער היים, פאסיג גערופן אין עהרע פון וועסערן ניו יארק'ס אייגענע SPC טשארלס א. בוש, דזשוניאר".

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי זאגט,** "די פראיעקט טוט נישט נאר אריינבלאזן נייע לעבן אין די געוועזענע שולע 75, נאר עס טוט דאס וויסנטליך - אדרעסירנדיג די לאך אין צוגענגליכע האוזינג ביים קאפ, בשעת אין די זעלבע צייט טוט עס פארבינדן אונזערע וועטעראנען מיט די סערוויסעס און הילפסמיטלען וואס זיי פארדינען צו לעבן גאנצע און געזונטע לעבנטס. ניו יארק טוט ווייטער שטיצן טראנספארמאטיווע געלעגנהייטן ווי די פראיעקט ווייל מיר גלייבן אין די ווירקונג וואס זיי האבן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און פלעגן א טיפערע געפיל פון געמיינדעשאפט."

**אסעבלי מאיאריטעט פירער קריסטעל פיפלעס-סטאוקס זאגט,** "קאנגראטולעישנס צו די WNY וועטעראנען האוזינג קאאליציע און נארסטאר דעוועלאפמענט USA אויף די פארענדיגונג פון די 65 האוזינג יוניטס אין באפעלא'ס איסט סייט. נאך די איבער דעוועלאפמענט פון פארלאזטע פאבליק שולע #75, זענען 12 פארלאזטע פלעצער געווארן אידענטיפיצירט פאר נייע אינפיל קאנסטורקציע צו ווייטער פארמערן געגנט געדיכקייט. די פראיעקט איז געווען פילע יארן און פילע געמיינדע זיצונגען בשעת'ן מאכן. איך וויל דאנקען NYSERDA ,HCR, OTDA און SHPO פאר די פינאנציעלע הילף צו מאכן די פראיעקט א רעאליטעט."

**סיטי פון באפעלא מעיאר בייראם וו. בראון זאגט,** "איך דאנק גאווערנער קעטי האקול און היימען און געמיינדע רעניועל טיעם פאר זייער שותפות אין אונזער ווייטער גייענדע מיסיע צו שטיצן צוגענגליכע האוזינג אין אונזער סיטי. די פראיעקט טוט אויסנוצן מער ווי 24 סיטי באזיצטע פארלאצטע לאטס. די פראיעקט וועט נישט נאר העלפן איינוואוינער וואס דארפן צוגענגליכע האוזינג, נאר עס וועט אויך העלפן לאקאלע וועטעראנען מיט די סערוויסעס וואס זיי דארפן צו פארבעסערן זייערע לעבנס."

**עריא קאונטי עקזעקיוטיוו מארק ס. פאלאנקארז זאגט,** "צוגענגליכע האוזינג איז א קריטישע געברויך אין עריא קאונטי און די פראיעקט טוט אדרעסירן די געברויך ביים קאפ, צושטעלנדיג וועטעראנען און מיליטער-סערוויס באגרעניצטע מאנשאפט מיט די שטיצע און הילף וואס זיי דארפן. די טשארלי בוש געביידע איז אויף א געוואלדיגע איבער באנוץ פון אן עלטערע געביידע, טראנספארמינדיג אן אומבאנוצטע פלאץ פאר א זעהבארע געמיינדע צענטער וואס אלע קענען זיין שטאלץ פון. פראיעקטן ווי דאס העלפן קאונטי איינוואוינער, און אין די פאל וועטעראנען, לעבן, און בליען אין זייערע געמיינדעס."

**WNY וועטעראנען האוזינג קאאליציע פרעזידענט & CEO דזשידזשי גריזאנטי קוק זאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו זיין די גאסטגעבער פון די גראנדיעזע עפענונג פון די הערליך איבערגעמאכטע היסטארישע געביידע, אבער אייניג שטאלץ צו ווידמען די געביידע אין דענקונג פון SPC טשארלס בוש דזשוניאר, וואס איז אויגעוואקסן אין באפעלא, און האט טרויעריג פארלוירן זיין לעבן, דינענדיג זיין לאנד אין די איראקער פרייהייט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אויסשרייבן